NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13135

ZEKS MAYSELEKH

Zina Rabinowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

שול-ביבליאָטעק

זינא ראבינאוויטש

זעקס מעשהלעך

(וועגן אונדזערע ימים טובים)

☆

אַרויסגעגעבן פון דער

צווישאָ און שלום עליכם שולן

בּיענאָס איירעס

1950

13/46236

שול-ביבליאָטעק
סעריע ח׳ נומ. 2

*

זינאַ ראַבינאָוויטש

זעקס מעשהלעך

(וועגן אונדזערע ימים טובים)

*

ארויסגעגעבן פון דער
צווישאָ און שלום עליכם שולן
בוענאָס איירעס 1950
יאָר פון באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין

א י נ ה אַ ל ט :

●

אין יענער פסח-נאַכט... — — — — — — — — — — — 3
וואָס דער לערער האָט מיר דערציילט וועגן
ל״ג בעומר — — — — — — — — — — — — — — 7
לשנה טובהם — — — — — — — — — — — — — — 11
די סוכה, די סוכה... — — — — — — — — — — — — 14
די מנורה מיט זיבן ליכטלעך — — — — — — — — — 18
נו, איז וואָס? — — — — — — — — — — — — — — 23

(די בילדער — גענומען פון „גן־גני“, פאַרלאַג נ. טבורסקי, תל־אביב און פון לוח פון „קרן היסוד“ — ירושלים)

געזאַמלטער לייען - מאַטעריאַל
צוגעגרייט צום דרוק פון
ח יי ם פ י נ ק ע ל ש ט יי ן
און ק ע ה אָ ס ק ל י נ ג ע ר

אין יענער פסח־נאַכט...

★

דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1919.

ווילדע אַראַבער פלעגן אָנפאַלן זייער אָפט אויף די יידן אין ארץ־ישראל.

דערהויפּט איז מען אומרואיק געווען פסח־צייט. יענער פסח איז אויסגעפאַלן אין איין צייט מיט דעם אַראַבישן „ראַמאַדאַן", אַ גרויסן יום־טוב, ווען ס'רוב אַראַבער גייען צום קבר פון זייער נביא מוסא. מ'האָט מורא געהאַט אַז גייענדיק צום נביאס קבר, אָדער אומקערנדיק זיך צוריק, וועלן די אַראַבער אָנפאַלן אויף די קליינע יידישע פונקטן.

אין איינעם אַזאַ פּונקט, אַ קבוצה, האָט מען זיך געריכט אויף אַן אָנפאַל.

די עלטערן און דער לערער פון דער קבוצה האָבן זיך געהיט, אַז די קינדער זאָלן זיך נישט דערוויסן פון זייערע זאָרגן. אָבער די קינדער האָבן דערשמעקט, אַז עפּעס איז נישט רואיק, און ווי נאָר זיי האָבן עס דערשמעקט, האָבן זיי באַשלאָסן אַז זיי וועלן זיך אויך שיצן, אַזוי ווי זייערע עלטערן.

זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שטאַל בשעת די בהמות זענען געווען אויפן פעלד און דאָרט אויף אַ מיטינג האָבן זיי געטראַכט, ווי אַזוי זיך אַנטקעגנצושטעלן די באַנדיטן.

— וואָס גייט איר אין שטאָל אריין? — האָט זיי געהאַט גע־פרעגט זייער לערער מיט פאַרוואונדערונג.

— מיר ווילן איבערחזרן די הגדה, די פיר קשיות, — האָט שמייכלענדיק געענטפערט יהונתן, דער עלטסטער פון דער חברה.

— איר, לערער, קאָנט זיך גיין אָפּרוען, פאַרלאָזט זיך אויף מיר!

די קינדער האָבן געשמייכלט, און ווען זייער לערער האָט זיי פאַרלאָזט, האָט זיך יהונתן געווענדט צו זיי, פונקט ווי עס ווענדט זיך אַ „גרויסער" צו אַ פאַרזאַמלונג.

— חברים! מיר וועלן נישט לאָזן די באַנדיטן צעשטערן אונ־דזער קבוצה!

— נישט לאָזן! — האָבן אונטערגעכאַפּט אַלע קינדער מיט אַן אויסגעשריי.

— מיר וועלן קעמפן פאַר אונדזער קליינעם הויף מיט אַלע אונדזערע כוחות!...

— אָבער ווי אַזוי קאָנען מיר קעמפן? — האָט אים איבערגע־שלאָגן זיין חבר — מיר האָבן נישט מיט וואָס! אונדזערע עלטערן האָבן כאָטש אַביסל געווער און מיר — וואָס?...

— מיר האָבן אַן אַנדער סאָרט געווער! — האָט אים יהונתן נישט געלאָזט ריידן, — געדענקט איר, חברה, די מעשה מיט גדעו־נען אין תנ"ך? געדענקט איר, ווי ער איז אַרויס באַקעמפן די מידיאַנער? וויפיל מענטשן האָט ער געהאַט מיט זיך? דער עיקר איז אָנשרעקן דעם שונא!

אַלע קינדער זענען געווען איינשטימיק מיט יהונתנען. זאָלן די עלטערן קעמפן מיט געווער. זיי, די קינדער, וועלן בלויז אָנשרעקן די באַנדיטן, אַז זיי זאָלן נישט וואַגן אָנצופאַלן אויף זייער קבוצה.

די קינדער האָבן שטילערהייט גענומען שלעפן פון זייערע וווי־נונגען וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט: טעפּ, גרויסע לעפל, גאָפּ־לען, פיסלעך פון צעבראָכענע בעטן, — אַלץ, מיט וואָס מען קאָן מאַכן אַ טומל, אַ ליאַרעם, אַ געוואַלד.

דאָס גאַנצע „געווער" האָט מען באַהאַלטן אין שטאָל אונטער

דער אויפזיכט פון יהונתנען. און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַ־
פעל:

— ווי נאָר עס וועט קומען די צייט, זאָלט איר אַלע קוקן אויף מיר, און וואָס איך וועל טון, זאָלט איר אויך טון! פאַרגעסט נישט איין זאַך: דער ליאַרעם מוז זיין אַזוי גרויס, אַז די אַראַבער זאָלן מיינען, אַז מיר האָבן ביי זיך אין הויף שים־געווער.

מיט גרויס אומרו האָבן די קינדער געוואַרט אויף יענער נאַכט. אַלע מאָל אין דער נאַכט פון סדר פלעגן זיי טראַכטן וועגן דעם אפיקומן, ווייל ווער עס פלעגט אים אַרויסגנבענען און אומ־קערן צוריק, פלעגט נאָך יום־טוב באַקומען ווערן אויף אַ גאַנצן טאָג אין פעלד אַריין מיט די „גרויסע״, בשעת די איבעריקע קינ־דער האָבן געמוזט לערנען. יענע נאַכט פון סדר האָבן זיי אַפילו נישט געטראַכט וועגן די פיר קשיות. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט אַנדערע געדאַנקען.

און אָט איז צוגעפאַלן די נאַכט. חברים פון דער קבוצה האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אַרום טיש פראַווען דעם סדר.

די קינדער האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס די עלטערן זיצן אַזוי רואיק ביים טיש. מען האָט אָנגעצונדן די ליכט ווי צו יעדן אַנדער סדר, און מען גרייט זיך זאָגן די הגדה גלייך ווי גאָרנישט. אַלע זענען אָנגעטון אין יום־טובדיקע קליידער, און נאָר פון צייט צו צייט הערט מען זיך צו צום הויף ווּ עס זענען געבליבן צוויי חברים אויף דער וואַך.

און... פּלוצלינג האָט זיך אין גרויסן עסצימער דערהערט אַ מאָדנער קלונג... דאָס איז געווען אַן אָפּגעמאַכטער צייכן...

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער און געכאַפּט זיך צום „געווער״, וואָס איז געווען אָנגעגרייט אונטער די בעטן און אין אַלע ווינקעלעך.

אין גרויסן אַרומגעצוימטן הויף איז שוין אַ ליאַרעם און אַ געפילדער פון די אַראַבער וואָס זענען אָנגעלאָפן און פון די בהמות,

פון די עופות און פון די פערד, וואָס האָבן געטופּעט מיט די פיס, געהירזשעט. די קינדער זענען אין דער בהלה שנעל אַריין אין שטאַל, זיך אַ כאַפּ געטון צו זייער „געווער״ און גענומען אַרבעטן אויף אַלע כלים. דער ליאַרעם איז געוואָרן צען מאָל גרעסער ווי פריער. שטעקנס האָבן געקלאַפּט אין טעפּ, אייזערנע פּיסלעך פון בעטן האָבן געשלאָגן די ווענט פון שטאַל, געריסן די טויערן, און אויב דאָס איז געווען נישט גענוג, האָבן זיך געעפנט אַלע קינדערשע מיילער, צונגען האָבן געקלאַפּט אין גומענס: טראַ־טאַ־טאַ, טראַ־טאַ־טאַ, טראַ־טאַ־טאַ. פּונקט ווי שיס־געווער...

די עלטערן האָבן געמיינט, אַז מען שיסט פון דרויסן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון אין קאַמף אַריין מיט מער אימפּעט...

די ווילדע אַראַבער האָבן זיך נישט געריכט אויף אַזאַ העלדישן ווידערשטאַנד פון דער קליינער קבוצה. זיי זענען געווען זיכער, אַז די אַרבעטער האָבן מיט זיך זייערע חברים פון אַנדערע ערטער, וועלכע זענען געקומען זיי העלפן מיט שיס־געווער. די אַראַבישע אָנפאַלער האָבן זיך אויף טויט דערשראָקן — און גענומען לויפן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך אַלע אומגעקערט צוריק אין עסצימער אַריין. מען איז ווידער געזעסן אַרום טיש און געפּראַוועט דעם סדר... גליקלעכע האָבן זיי אָנגעגאָסן דעם פערטן כוס. גליקלעכער פון אַלע זענען געווען די קינדער.



וואָס דער לערער האָט מיר דערציילט וועגן ל״ג בעומר

✶

איך בעט אייך זייער, חברה, לאַכט נישט פון מיר!... איך מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַראָפּוואַרפן דעם שטיין פון האַרצן און דערציילן אייך דעם אמת... איך האָב אַמאָל געמיינט, אַז ל״ג בעומר האָט צו טון מיטן וואָרט „בוימער״. איך בין געווען זיכער, אַז ל״ג בעומר איז דער יום־טוב פון די בוימער. גייען דען נישט חדר־יינגלעך ל״ג בעומר אין פעלד אָדער אין וואַלד אַריין? איי־וואָס, זיי טראָגן ביקסלעך — און וואָס האָבן די ביקסלעך צו טון מיט דעם יום־טוב פון די בוימער? איז טאַקע אַ קשיה, און קיין ענטפער אויף איר האָב איך אין מיין קליינעם קעפּל נישט געקאָנט געפינען. און געפרעגן — איז נישט געווען ביי וועמען. האָב איך אַ לאַנגע צייט געטראַכט, אַז ל״ג בעומר איז דער יום־טוב פון די בוימער, ביז עס איז צו אונדז אין שטאָט אַריינגעקומען אַ נייער לערער: האָב איך זיך פון אים דערוווּסט, אַז עומר איז אויף העברעיש גאָר אַ מאָס פון תבואה. אַזאַ מאָס פלעגט אונדזער פאָלק אַמאָל, ווען עס איז געזעסן אויף זיין אייגענעם לאַנד, אַראָפּנעמען טעגלעך פון דעם שניט, אָנגעהויבן פון צווייטן טאָג פסח. יעדער איינער פלעגט אָפּטיילן פון זיין שניט אַן „עומר״, ווי אַ דאַנק דער נאַטור פאַר איר שפע. נאָך ניין און פערציק טעג פון שניט פלעגן ניין־און־פערציק עומרים געבראַכט ווערן קיין ירושלים אין בית המקדש.

אָט־אַזוי האָב איך זיך דערוווּסט, וואָס עומר מיינט. און וואָס איז ל״ג? ל״ג, — האָט מיר דער לערער געגעבן צו פאַרשטיין, — מיינט 33 (ל — איז דרייסיק און ג׳ איז דריי). ל״ג בעומר איז דריי־און־דרייסיק טעג אין ספירה, דאָס הייסט אין ציילן דעם עומר. געציילט האָט מען, ווייל עס איז נישט געווען קיין לוח.

די טעג פון ספירה, פון ציילן דעם עומר, זענען נישט קיין

פריילעכע טעג ביי רעליגיעזע יידן: מען מאַכט נישט קיין חתונות אין די טעג און עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון קלענערע שמחות אויך. פאַרוואָס? ווייל די טעג פון ספירה זענען פאַרבונדן מיט זייער אומעטיקע געשעענישן אין אונדזער געשיכטע.

איך קאָן אייך, קינדער, נישט דערציילן מער, ווי מען האָט מיר אַליין דערציילט, ווען איך בין געווען אין אייערע יאָרן. מיר האָט מען דערציילט צוויי לעגענדעס וועגן ל״ג בעומר.

די ערשטע לעגענדע איז אַזאַ:

אין דער צייט, ווען די רוימער האָבן באַלאַגערט ירושלים און געוואָלט אויסמאַטערן אירע איינוווינער מיט הונגער, איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע אין גאַנץ ארץ-ישראל. מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן, און צוליב דעם הונגער איז יעדער גרייט געווען אָפּצוגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, פאַר אַ ברעקל ברויט. מען האָט עס אָבער נישט געקאָנט באַקומען. מענטשן האָבן גענישטערט אין די מיסטן צו געפינען עפּעס צום עסן, און דערפון איז מען נאָך מער קראַנק געוואָרן. צווישן די תלמידים פון רבי עקיבא (מען דערציילט, אַז ער האָט געהאַט פיר-און-צוואַנציק טויזנט תלמידים) זענען אויך זייער אַ סך אומגעקומען פון קראַנקהייטן און הונגער. זייער טויט איז געווען נאָך אַ גרעסערער אומגליק פאַרן פאָלק, ווי דער טויט פון אַנדערע, ווייל ווער וועט לערנען דאָס פאָלק, אויב אַלע גרויסע לייט וועלן, חלילה, אויסשטאַרבן?

איז געשען אַ נס, און דעם 33-טן טאָג אין עומר איז קיין איינציקער פון ר׳ עקיבאס גרויסע תלמידים נישט אומגעקומען אין דער עפּידעמיע... איז דער טאָג געוואָרן אַ יום-טוב.

די צווייטע מעשה — און זי האָט זיך מיר איינגעשניטן אין זכרון מער ווי די ערשטע, — איז פאַרבונדן אויך מיט דער צייט, ווען די רוימער האָבן געהערשט אין ארץ-ישראל.

רבי שמעון, אָדער ווי מען רופט אים אַנדערש, דער זון פון יוחאי, האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן דער רוימישער מאַכט און נישט אויפהערן פאַרשפּרייטן די תורה צווישן

יידן. איינמאָל איז ער געזעסן מיט נאָך צוויי רביים, און יענע האָבן געלויבט רוים און אירע גרויסע אויפטוען (די רוימער זענען געווען בריהם אויף בויען וועגן, בריקן אד"גל).

רופט זיך אָן רבי שמעון: אַלץ וואָס די רוימער טוען, טוען זיי פאַר זייער אייגענעם פאַרגעניגן וועגן. זיי זאָרגן זיך נאָר פאַרן קערפּער, נישט פאַר דער נשמה... האָט דאָס דערגרייכט צו דער רוימישער מאַכט, — און רבי שמעון מיט זיין זון אליעזר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די בעסטע זאַך פאַר זיי איז צו באַהאַלטן זיך. זע־נען זיי אַנטלאָפן אין די בערג און זיך פאַרבאָרגן אין אַ הייל. זיי האָבן אין דער הייל אָפּגעלעבט צוועלף יאָר... זייערע קליידער האָבן זיי נישט געטראָגן אין מיטן וואָך, כדי זיי זאָלן נישט אָפּגע־נוצט ווערן און זיי זאָלן האָבן וואָס אָנצוטון אויף שבת; אין מיטן וואָך זענען זיי געזעסן איינגעגראָבענע אין זאַמד ביזן האַלדז און געלערנט.

נאָך די צוועלף יאָר (אַזוי דערציילט די לעגענדע) האָט זיך אויף דער שוועל פון דער הייל באַוויזן אליהו הנביא און אויסגע־רופן: „דער קייסער איז געשטאָרבן!" רבי שמעון איז אַרויס פון זיין באַהעלטעניש. זיין קערפּער איז געווען אַזוי דאַר און אויסגעמאַ־גערט, אַז ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, אָבער אַ מאָדנע פייער האָט געברענט אין זיינע אויגן. וווּ נאָר ער פלעגט אַ וואַרף טון זיין פייערדיקן קוק, פלעגט אַלץ פאַרברענט ווערן. האָט זיך דערהערט אַ שטים, וואָס האָט געזאָגט: „איך בוי די וועלט און דו, שמעון, מיט דיין זון אליעזר ווילסט זי חרוב מאַכן? גייט צוריק פון וואַנען איר זענט געקומען!"

איז שמעון, דער זון פון יוחאי, אַוועק אין הייל אַריין מיט זיין זון און אָפּגעזעסן דאָרט צוועלף מאָנאַטן. ווען ער איז ווידער אַרויס, איז ער געווען מילדער ווי פריער. עס פלעגט אים נאָך אַלץ פאַרדריסן וואָס יידן פאַרלאָזן זייער תורה, ער האָט שוין אָבער מער נישט געברענט זיי מיט זיין קוק...

ער האָט, אגב, געוווּסט, אַז אַ סך יידן זענען געבליבן געטריי

דער תורה. ווען ער איז געווען באַהאַלטן אין דער הייל, פלעגן זיי זיך אָנטון ווי די יעגער, נעמען ביקסן אין די הענט און זעק מיט שפּייז אויף די פּלייצעס, ווי דער שטייגער איז פון יעגער, און זיך לאָזן איבער די בערג פון גליל, כלומרשט יאָגן זיך נאָך חיות... די רוימער, וועלכע האָבן געוואָלט אַז די יידן זאָלן אויפהערן זיין גאָטס פאָלק און ווערן אַ פאָלק גלייך מיט אַלע פעלקער, האָבן זיי דאָס גערן דערלויבט. זענען מחנות תלמידים פון רבי שמעון בן יוחאי געוואָרן יעגער מיט ביקסן. און ווען רבי שמעון פלעגט דערהערן זייער שיסעריי, פלעגט ער צו זיי אַרויסקומען פון זיין הייל און איבערגעבן זיי די נייע אידייען צו וועלכע ער האָט זיך דערטראַכט, זיצנדיק און לערנענדיק אין זיין הייל.

נאָך אַ טאָג „יעגעריי" אין די בערג (און דער טאָג איז געווען אַ באַשטימטער — ס'איז געווען ל"ג בעומר) פלעגן די יונגע „יעגער" זיך אומקערן אין שטאָט אַריין גליקלעכע וואָס זיי זענען באַרייכערט געוואָרן מיט נייע געדאַנקען, מיט נייעם וויסן, און זיי פלעגן עס פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק.

אַט־אַזוי איז ל"ג בעומר געוואָרן אַ יום־טוב ביי יידן.

אין ארץ־ישראל פאָרן יידן ל"ג בעומר קיין צפת, וווּ אין אַ דערבייאיקן באַרג געפינט זיך דער קבר פון דעם גרויסן רבי שמעון.

די ירושלימער יידן גייען צו דער הייל, וווּ ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן דרייצן יאָר און פון וואַנען ער האָט פאַרשפּרייט זיין תורה צווישן פאָלק. דאָס איז אַ טיפע, פינצטערע און זייער לאַנגע הייל. דאָרט זענען באַערדיקט געוואָרן פיל מענטשן און אויך פיל פון רבי שמעונס תלמידים.

איך בין געווען דאָרט אין אַ ל"ג בעומר, ווען עס קומען זיך צונויף טויזנטער יידן. זיי טאַנצן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט און זיי זינגען פריידיקע ליבע־געזאַנגען צו שמעון, דעם זון פון יוחאי.

אויב עס וועט זיך אייך אַמאָל מאַכן צו זיין אין ארץ־ישראל, פאַרגעסט נישט אָנצוקוקן אָט־די לעגענדאַרישע הייל.

לשנה טובהם

★

בערל און שמערל זענען געווען ברוגז. צעקריגט אויף אייביק! עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט איבערבעטן.

און געדוכט האָט זיך דאָס אַזוי, ווייל סיי בערל, סיי שמערל האָבן געשווירן, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט איבערבעטן. סיידן דער צווייטער, ס׳הייסט דער אַנדערער, וועט בעטן מחילה, אַנטשולדיקונג. פאַרוואָס זיי זענען ברוגז, האָבן זיי שוין ביידע פאַרגעסן.

די זאַך, צוליב וועלכער זיי האָבן זיך צעקריגט, און וואָס איינער האָט געטון דעם צווייטן, און ווי אַזוי ער האָט אים באַליידיקט — איז שוין נישט געווען וויכטיק פאַר ביידן, וויכטיק איז געווען דאָס, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך געשפּילט מיט אַנדערע חברים. און כאָטש ס׳האָט אויסגעזען, אַז ביידע האָבן גאַנץ גוט הנאה געהאַט, איז (צווישן אונדז זאָל עס בלייבן) ביידן אויסגעגאַנגען דאָס חיות זיך איבערצובעטן, זיך נאָכאַמאָל שפּילן צוזאַמען, ווי פאַרן ברוגז. ווייל אמת גערעדט, ווער האָט נאָך געקאָנט אַזוי שפּילן אין באַהעלטעניש, ווי שמערל? אָט באַהאַלט ער זיך, דוכט זיך, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע קינדער, און ווען עס קומט צום געפינען, זוכט אים די גאַנצע גאַס קינדער און מע קען אים נישט געפינען. אַנטרונען! אָבער מיטאַמאָל שפּרינגט ער אַרויס, גלייך ווי פון דער ערד, און עס הילכט איבער דער גאַנצער גאַס זיין שטים: „דער ערשטער!" און אַלע געפונענע - געפאַנגענע ווערן באַפרייט! און בערלס האַרץ ווערט איבערגעפולט מיט פרייד, קוקנדיק אויף זיין חבר שמערל.

אָבער (צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן) מיינט נישט, אַז נאָר בערלען גייט אויס די נשמה זיך צו שפּילן מיט זיין באַהעלטעניש-

העלד, שמערלען... דער אמת איז, אַז אויך שמערלען גייט אוים די נשמה זיך צו שפּילן מיט בערלען, ווייל ווער נאָך קאָן אויפשטעלן אַזאַ „טוטו־באַן", ווי בערל? אַ לעבעדיקע באַן, אַ קייט פון קעפּ און רוקנס, עס באַוועגן זיך אַ צוויי צענדליק פיסלעך, עס שיפּען אַ צענדליק מיילער און עס פאַרט אַ „טוטו־באַן"! עס שלענגלט זיך די „באַן" פון איין הויף אין צווייטן. און מיטאַמאָל — אַן אומגליק! עס קראַכט די באַן, און אַלע רוקנדלעך און קעפּלעך פאַלן צו דער ערד. אָבער נישט בערלס! און שמערלס האַרץ ווערט איבערגעפולט מיט גליק און שטאָלץ פאַר זיין חבר — דעם מזיק בערל, וועלכער קערט אַלעמען איבער און ער אַליין בלייבט שטיין מיט אַזאַ אומשולדיק פּנימל, גלייך ווי ער ווייסט פון גאָרנישט.

אַך! ווי עס גייט שמערלען אוים דאָס האַרץ נאָך דער דאָזיקער „טוטו־באַן!" נאָך בערלען! אָבער קיינער טאָר דאָס נישט וויסן, ווייל ער איז דאָך ברוגז מיט אים! זיי זענען ברוגז אויף אייביק! אייביק! און כאָטש יעדער איינער פון זיי כאַפּט אַ קוק בגנבה אין צווייטנס הויף און אין צווייטנס זייט, ווען עס מאַכט זיך נאָר, הייסט עס אָבער פאַר דער וועלט, פאַר די חברים, אַז זיי טראַכטן גאָרנישט וועגן איבערבעטן זיך. און נישט נאָר די חברים, נאָר אפילו די עלטערן, וועלכע זענען צווישן זיך גוטע פריינד, קאָנען ביי די ייִנגלעך נישט פּועלן, אַז זיי זאָלן זיך איבערבעטן.

— זאָל ער מיך איבערבעטן! — טענהט שמערל, — ער האָט מיך באַליידיקט!

— איך האָב אים גאָרנישט געטון! פאַרוואָס זאָל איך אים איבערבעטן? — טענהט בערל. און ביידע לאָזן נישט זייערע טאַטעס צוגיין איינער צום צווייטן בשעת זיי גייען אַרוים אויף דער גאַס נאָך וועטשערע כאַפּן אַביסל לופט מיט זייערע ייִנגעלעך. די טאַטעס שמייכלען פון ווייטנס און די קינדער שלעפּן זיי ביי די הענט, דער קיין צפון און דער קיין דרום! אַן אומגליק!

אַז ס'איז אונטערגעקומען ערב ראש־השנה, איז שמערל מיטגעגאַנגען מיט זיין טאַטן אויף דער גאַס, העלפן זיין מאַמען אַהיימען אַהיימברענגען פיש, פלייש און פרוכט אויף יום־טוב.


ום הולדת המדינה

ביידע טאַטעס שטופּן זיך דורך דורך דעם גרויסן עולם איינ־קויפער, און ביידע יינגלעך כאַפּן בגנבה אַ קוק איינער אויפן צווייטן. אָבער די טאַטעס רייסן זיי אַוועק, דעם אַהין און דעם אַהער.

— גענוג שוין זיין ברוגז! ביז וואַנען איז דער שיעור ברוגז?

— בייזערט זיך בערלס טאַטע.

— עס איז דאָך אַ מצווה ערב ראש־השנה זיך איבערצובעטן,

— טענהט שמערלס טאַטע, — גיי זאָג אים: „לאָמיר זיך איבער־בעטן צום נייעם יאָר".

אָבער דאָס קול פון אַן אַלטן ייד רייסט זיך אַריין מיט אַ געזאַנג: „יאַרמולקעס, טליתים, לשנה טובהס"!...

שמערלס טאַטע שטופּט זיך באַלד דורך דעם עולם צום יידן:

— גיט מיר לשנה טובהס. וויפל? לאָמיך נאָר אויסרעכענען... צען!

אָבער דאָ גיט שמערל אַ שלעפּ דעם טאַטן ביים אַרבל:

— ס'איז טאַקע אַ גרויסע מצווה זיך איבערצובעטן ערב ראש־השנה? — און ער כאַפּט איין קוק אויף זיין טאַטן און איינעם אויף בערלס טאַטן, וועלכער איז אויך צוגעקומען קויפן לשנה טובהס אויף ראש־השנה.

— ס'איז די גרעסטע זינד צו בלייבן צעקריגט מיט אַ חבר צום נייעם יאָר! — רופט אויס אויף אַ קול שמערלס פאָטער, — נישט אַזוי? — שמייכלט ער צו בערלס טאַטן.

— טאַ קויף עלף „שנה טובהס", איינע פאַר מיינעטוועגן! — זאָגט שמערל און כאַפּט אַ שמייכל צו בערלען.

אויך בערל איז מיטגעגאַנגען מיט זיין טאַטן, העלפן זיין מאַ־טראַגן די פּעק פון מאַרק.

— קויף אויך איינע פאַר מיינעטוועגן, טאַטע! — רופט אויס בערל.

און די צוויי חברים, בערל און שמערל, האָבן זיך איבערגע־בעטן.

די סוכה, די סוכה...

✶ –

סעדיהן איז געגאנגען זייער שלעכט אין דעם אראבישן שטעטל אין תימן. אמת, ער איז נישט געווען דער איינציקער וועמען ס'איז געגאנגען שלעכט אין דעם שטעטל, עס האבן געוווינט דארט א סך יידן, אלע זענען זיי געווען גוטע מייסטערס אין מאכן פון גאלד און זילבער אויערינגען, נאזרינגען און מטבעות, וואס די אראבער־רינס טראגן אנגעצויגן אויף דיקע פעדעם, ווי קרעלן אויף דעם האלדז. מייסטערס אויף זילבער און גאלד זענען געווען מער ווי קור־נים. איז נישט קיין ווונדער, וואס יעדער איינער פון די תימנער יידן פלעגט זיך קלאגן אין אוונט צו מעריב, אדער שבת נאך הבדלה, אויף זיין ביטערן גורל. טרויעריק זענען געווען די לעצטע שבת־לידער זייערע. די וואכעדיקייט פלעגט זיך אנרוקן אויף זיי ווי א שווערער וואלקן פון זארג.

איי, ווען ס'איז שטענדיק שבת אויף דער וועלט! יידן וואלטן זיך געקאנט ליב־האבן און נישט אויסכאפן איינער ביים צווייטן דעם קונה און אזוי שניידן די פרייזן, אז ס'זאל גארנישט בלייבן קיין פארדינסט נאך דער שווערער וואך ארבעט!

אזוי האבן געטראכט די יידן פון דעם אראבישן שטעטל אין תימן. זיי איז אלעמען געגאנגען שלעכט, נאר סעדיהן האט זיך אויסגעדוכט, אז אים איז ערגער פון אלעמען און דעריבער האט סעדיה באשלאסן איבערצוקלייבן זיך אין א וויטן אראבישן דארף ווו ס'זענען דא ווייניק יידן, ווייניק גאלד און זילבער־מייסטער, אזוי אז מ'זאל קאנען פארדינען צום לעבן. גראד האט סעדיה זייער גוט אנגעטראפן מיט זיין איבערציען זיך אין דעם נייעם פלאץ, נאר איין גרויסן חסרון האט דאס דארף געהאט. די עטלעכע יידן וואס האבן דארט געוווינט האבן מורא געהאט פאר די אראבער. האבן

זיי געראָטן סעדיהן נישט „אויפרייסן די אויגן” פון די אַראַבישע שכנים, דאָס הייסט אַלץ טון אין באַהעלטעניש ווי זיי, וועלכע האָבן זייער מנין אין אַ קעלער, זיין נישט זינגען צו הויך קיין זמירות און מלווה מלכה־לידער ווי ער איז געוווינט צו טון... האָט סעדיה געפאָלגט די נייע יידישע שכנים זיינע, געצוימט די שטים זיינע ביי קבלת שבת, שבת צו־נאַכט, אוןביים דאַווענען אין דער קעלער־שיל האָט זיך אים נישט איינמאָל אויסגעדוכט, אַז זיין שטים ווערט דערשטיקט און ווען מ׳לאָזט אים וואָלט ער זיך צעזונגען אויף אַ קול און געלויבט דעם אויבערשטן פאַר דער גוטער פרנסה און דעם נייעם פלאַץ. ער איז געגנוג שולדיק גאָט, און ווען מ׳לאָזט אים נאַר!... אָבער וואָס זאָל ער טון? גאָט וועט מוזן דערפילן אין זיין שטילער תפילה אין קעלער זיין האַרץ, וואָס איז פול מיט דאַנק. און סעדיה האָט געפּראַוועט ראש־השנה און יום־כיפור אויפן שטילסטן אופן, אָבער נאָך יום־כיפור האָט ער באַשלאָסן, אַז אַ סוכה מוז ער אויפשטעלן, צי זייגע יידישע שכנים ווילן צי נישט! אָן אַ סוכה? איז דען געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך, — אַ ייד אָן אַ סוכה? אַ סוכה וואַרפט זיך אין די אויגן? ווער ס׳וויל נישט, וועט נישט קוקן אויף איר און וועט נישט אַריינקומען זיצן אין סוכה! אָבער איין סוכה כאָטש מוז דאָס שטעטל האָבן! האָט סעדיה באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ סוכה איינער אַליין, אויב אַנדערע האָבן מורא. ער וועט קריגן סכך פאַר דער סוכה און וועט זי באַפּוצן און זי וועט שטיין לעבן זיין דירה אַזוי, אַז אויב ס׳וועט עפּעס פּאַסירן, וועט פּאַסירן מיט אים אַליין און קיין אַנדערע יידן וועט עס נישט שאַטן.

סעדיה האָט זיך גענומען צו דער סוכה גלייך אויף מאָרגן נאָך יום־כיפור. שווער האָט ער געאַרבעט, אָבער אויפגעשטעלט האָט ער אַ סוכה אַ צאַצקע, באַהאַנגען זי מיט טעפּיכער און מיט פרוכט פון תימן און ארץ ישראל פון אַלערליי קאָלירן און ס׳האָט זיך געדוכט סעדיהן, אַז די קאָלירן באַצויבערן אַפילו די זון וואָס כאַפּט אַ קוק דורך דעם סכך פון דאַך און גיט אַ שמייכל, אַזוי ווי זי זאָל זאָגן: „נישט שלעכט, סעדיה! גאָרנישט שלעכט!” סעדיהס האַרץ

איז געווען איבערגעפילט מיט פרייד! ווען מ׳לאָזט אים, וואָלט ער זיך צעזינגען אַזוי, אַז אַפילו די אַראַבישע שכנים וואָלטן געמוזט מיט אים מיטזינגען! אָבער גיי זינג, אַז זיי זאָגן „לא״ — מען טאָר נישט!

סעדיה האָט שטילערהייט געוואַרט אויפן יום־טוב ווען ער וועט נישט נאָר זיצן אין סוכה, נאָר אַפילו בלייבן אין איר שלאָפן...

אָבער ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק פאַר דעם טייערן יום־טוב, האָט אויסגעבראָכן אַ מדבר־שטורעם — כאַמסין. וואָלקנס זאַמד פון אויבן, כוואַליעס זאַמד פון אונטן. ס׳מויל און די נאָזלעכער פול מיט זאַמד, די אויגן ווערן פאַרשאָטן, און ס׳דוכט זיך, אַז זאַמד־מילן דרייען זיך איבערן דערפל און ווילן פאַרדרייען און פאַרשלעפן יעדן וועלכער וואָגט אַרויסצוגיין פון הויז... צווייַגעלעך ברעכן זיך ווי שטרוי, גראָזן ווערן אָפּגעווישט, ביימער קרעכצן און בוקן זיך צו דער ערד גלייך ווי בעטנדיק, די ערד זאָל זיי באַשיצן פון דעם מדבר וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַלץ, וואָס מענטש האָט אויפגעשטעלט און אויסגעבויט...

„די סוכה, די סוכה...״ קרעכצט סעדיה און טוליעט זיך צום בעט.

אַ שרעקלעכע נאַכט, אַ לאַנגע נאַכט, די לענגסטע וואָס סעדיה האָט ווען דורכגעלעבט... נאָר פאַרטאָג, גאָכדעם ווי ער האָט אי־בערגעחזרט אַלע קאַפּיטלעך תהילים, וואָס ער האָט געוווּסט פון אויסנווייניק נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, האָט ער איינגעדרימלט. אויפגעכאַפּט זיך, האָט שוין די זון אַריינגעקוקט אין זיין ווינטל. די סוכה — איז געווען זיין ערשטער געדאַנק, און ער איז אַרויס־געלאָפן מיט שרעק אין הארצן זען דעם חורבן וואָס דער כאַמסין האָט אָנגעמאַכט. „אפשר זענען טאַקע די יידן געווען גערעכט, ווען זיי האָבן געטענהט אַז מ׳דאַרף נישט קיין סוכה? נישט אויפרייצן די אויגן פון די שכנים!״

טראכטנדיק אזוי, איז סעדיה ארוים פון הויז. צו זיין באוונדערונג האט ער דערזען א סך מענטשן שטייען ארום זיין סוכה און אינעווייניק, יידן און אראבער... האט עפעס געטראפן? ווי אין א חלום זעט סעדיה אז די סוכה שטייט אויסגעפוצט, ווי פאר דעם כאמסין. אלץ ווי געווען, גלייך ווי גארנישט, גלייך ווי דער כאמסין האט נישט אויסגעריסן אלע ביימלעך און צווייגלעך פון דארף. סעדיה שטייט און באוונדערט די סוכה, די ארומיקע מענטשן...

„מין אללא! מין אללא!" — זאגן די אראבער צו אים און ווייזן אן אויף דעם סכך, וועלכער ליגט אזוי שיין און רואיק אויפן דאך פון דער סוכה און דורך וועלכן ס'זיפן זיך דורך די שטראלן פון דער זון. „מין אללא!" (פון גאט) חזרן איבער אלע און קוקן אויף סעדיהן מיט כבוד און ליבע...

און ער שטייט און קוקט אויף זיין סוכה, וועלכע האט איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן כאמסין און זיין הארץ ווערט פול מיט לויב און געזאנג צו גאט...

— וואס שוויגסטו, סעדיה? שרייען צו אים זיינע שכנים — גאט האט דיך אזוי ליב און דו שוויגסט?!

אבער סעדיה קוקט זיך ארום אין טיפער באוונדערונג און שווייגט, ווייל ער איז פון שטענדיק א שוויגער. ריידן האט ער קיינמאל נישט געקאנט און קאן אויך היינט נישט. וואס ער קאן — איז זינגען. איז ווען מע לאזט אים, וואלט ער זיך צעזונגען אזוי, אז דאס גאנצע דארף וואלט געהילכט מיט זיין לויב צו גאט...

די מנורה מיט זיבן ליכטלעך

★

— א. —

דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַ מעשה שהיה. און פּאַסירט האָט זי, די געשיכטע ערשט נישט לאַנג, טאַקע פאַראַיאָרן חנוכה און טאַקע אין ארץ־ישראל, און טאַקע אויף אַ נייער „נקודה", דאָס הייסט אַ נייעם פּונקט...

דער נייער פּונקט הייסט מענאַרא און באַזעצט האָבן זיך אויף אים אַ גרופּע יונגע יינגלעך און מיידלעך וועלכע האָבן אַקערשט געענדיקט די גימנאַזיע. איז אַנשטאָט צו גיין אין שול, אָדער אין אוניווערסיטעט זענען זיי אַוועק בויען אַ נייע „נקודה", און וווּהין, מיינט איר? אויף דער גרענעץ פון גליל העליון, אין די בערג פון לבנון.

האָבן די „משוגענע" יינגלעך און מיידלעך אויסגעקליבן דעם פּונקט דווקא ווייל ער איז אַזוי ווייט, אויף דער גרענעץ פון לבנון, כדי צו באַווייזן דער וועלט, אַז יידישע ישובים, פאַרקריכן אַזוי ווייט אין די בערג און שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר קיינעם און פון קיין זאַך. און זאַכן זענען געווען גאַנץ גענוג, וועלכע זאָלן שרעקן די חברה, ווייל מענאַרא איז געווען בלויז איין שטיינערנער באַרג, וועלכן מ'האָט באַדאַרפט צעהאַקן מיט דינאַמיט אָדער גאָר מיט די הענט און האַמערס. קיין וואַסער, קיין בוים, און קיין האָפענונג איז דערווייל נישט געווען צו גראָבן אין שטיינערנעם באַרג און זוכן אין זיין פאַרהאַרטעוועטן בויך וואַסער; וואַסער צום טרינקען, וואַסער צום באַוואַסערן פלאַנצן, וואַסער מחיה צו זיין די נשמה.

אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעשראָקן די „משוגענע" חלוצים. נישטאָ קיין וואַסער? וועט מען ברענגען וואַסער מיט אַ וואַסער־

טאנק פון אונטן, דאס הייסט, א צוויי שעה פארן מיטן „טענדער".* דער וועג, וועלכן די „חברה" האט אויסגעקלאפט אין די בערג פארן „טענדער", איז געווען בארג ארויף און עס האט געדויערט צופוס כמעט די זעלבע צייט פון לעצטן אונטערשטן פונקט (כפר גלעדי) ווי מיט דעם „טענדער"!

אבער דאס אלץ זענען געווען „קלייניקייטן" פאר די חלוצים. דאס וויכטיקסטע פאר זיי איז געווען, וואס זיי, די גראדואירטע פון גימנאזיע, די היגע געבוירענע, האבן געהאט דאס גליק און דעם זכות צו זיין די „ערשטע" צו באזעצן א נקודה אויף דער ווייטער גרענעץ, ביים לבנון! איז וועמען ארט דאס וואס מען באדארף לאנגע שעהן אויסווארצלען שטיינער? און וואס מאכט דאס אויס, אז מען קאן זיך אפבאדן בלויז איינמאל א וואך, ערב שבת, ווייל דאס וואסער וואס מ'ברענגט מיט דעם „טענדער" און אויף וועלכן צוויי מענטשן פון זייער גרופע דארפן פארלירן כמעט א גאנצן טאג צייט, איז אזוי טייער! דער עיקר איז — וואס זיי האבן זוכה געווען צו זיין די ערשטע... אט דא־א, אין די ווילדע בערג!

האבן די גרויע בערג אויסגעזען גארנישט אזוי שלעכט ביי די יונגע חלוצים אין די אויגן, ווייל זיי זענען געווען זייער זיכער, אז אינגיכן וועט זיי געלונגען צו פארפלאנצן עפעס, און אריינברענגען א גרינעם קאליר אין דעם גרוי־גרויען בילד. זיי זענען געווען פריילעך און האבן געזונגען ביי דער ארבעט, און עס האט זיי ניט געארט די קעלט אין די נעכט. און די נעכט זענען געווען זייער קאלטע, ווייל זיי זענען ארויף אויף דעם נייעם פונקט א פאר וואכן פאר חנוכה, און אפילו זומער זענען די נעכט זייער קילע אין מענארא. היינט שטעלט זיך פאר, חברה, אז מ'דארף שטיין אויף דער וואך אין קאלטע רעגן־נעכט און אפהיטן א נייעם פונקט? נישט גרינג איז דאס, די נאכט איז אזוי לאנג, און די גאנצע וועלט וואלט מען אוועקגעגעבן פאר איין שעה שלאף אין א ווארעם בעט. אבער, זארגט זיך נישט! מ'פארלאזט נישט די וואך, ווייל א נייער

*) טענדער — א קליינער לאסט־אויטא פאר היימישן געברויך.

פונקט איז אַ „פונקט״ אפילו ווען מ׳האָט דאָרט נישט וואָס צו היטן אחוץ בערג און שטיינער.

— ב. —

איז אין איינער פון אַזעלכע נעכט זיך מיישב דער „דיזל־מאָטאָר״ און ווערט קאַליע. אָט דער מאָטאָר, וועלכן מ׳האָט קוים מיט צרות און גרוים מי אַרויפגעשלעפּט אויף דעם באַרג, און וועלכער איז ווי אַ טאַטע און מאַמע פאַר די חלוצים ווייל ער גיט עלעקטרישע ליכט, און די מעגלעכקייט צו קאָמוניקירן דורך באַשטימטע סימנים מיט די „נקודות״ אָדער „פונקטן״ פון אונטן, פון גליל העליון, וועלכע ליגן בײַ די פיס פון די בערג... באַטראַכט זיך דער דיזל־מאָטאָר און ווערט מיטאָמאָל קאַליע. נאָך וואָס הייסט קאַליע! — וויפיל מ׳גיט אים טרינקען אייל וויל ער זיך נישט אַ ריר טון פון אָרט!

ווערן די יונגע חלוצים נישט צעטומלט. מ׳צינדט אָן ליכטלעך, די קעראָסין־לאָמפּן, מ׳עסט און מ׳טרינקט און מ׳באַשליסט צו וואַרטן מיט געדולד אויף דעם פרימאָרגן, ווען דער „טענדער״, וועלכער וועט אַרונטערגיין נאָך וואַסער צו איינעם פון די אונטן־ליגנדיקע פונקטן, וועט אַרויפברענגען אַ ספּעציאַליסט, צו פאַריכטן דעם מיטאַמאָל קראַנק־געוואָרענעם דיזל־מאָטאָר.

מיטאַמאָל האָבן די בחורים, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, דערזען אַ גרופּע אַראַבער. פון וואַנען זענען געקומען די אַראַבער, האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרשטיין. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט אַז זיי זענען געווען צוגעקלעפּט צו די בערג און זיך פלוצים אָפּגעקלעפּט פון זיי. ווערן די בחורים גאַנץ דערשראָקן אָבער מ׳מאַכט זיך הארץ, און מ׳גייט אַנטקעגן די אַראַבער ביז צום שטעכיקן דראָט פון „הויף״ און מ׳פרעגט אויף אַראַביש, וואָס האָט זיי אַהער געבראַכט? זענען זיי אפשר פאַרבלאָנדזשעטע וועג־זוכער? „ניין, ניין!״ ענטפערן די אַראַבער מיט חוצפּה, מיר ווייסן



גאַנץ גוט די וועגן אין די בערג, מיר זענען געקומען פֿאַדערן אַז איר זאָלט אַרונטער פֿון דעם פּונקט!

ווערט די חלוצים נישט גוט ביז צום חלשן, אָבער מ'מאַכט זיך האַרץ, מ'שמייכלט און מ'לאַכט מיט אַ קורצן געלעכטער און אַ ציטער אין שטים, און אין יעדן איינעמס געדאַנק פֿליט דורך: דער דיזל! דער אויסגעלאָשענער פֿינצטערער דיזל! ווי קאָן מען שיקן סיגנאַלן צו די אונטערשטע פּונקטן, אַז זיי זאָלן פֿאַרשטיין וואָס קומט דאָ פֿאָר און קומען צו הילף?

די חברה פֿון דער וואָך האָט פֿאַרהאַנדלט מיט די אומדער-וואַרטעטע „געסט", און איינער פֿון זיי האָט זיך אַריינגעגנבעט אין די הייזלעך און יעדן חלוץ געשטעלט אויף די פֿיס. אַ פּאָר מיידלעך זענען געפֿאַלן אויף אַזאַ מאָדנעם געדאַנק: אַזוי ווי דער דיזל איז קאַליע און מ'קאָן נישט סיגנאַליזירן אין די אַנדערע פּונקטן, ווי דער שטייגער איז אַלע נאַכט, ווען מ'שמועסט זיך דורך מיט רויטע, גרינע און ווייסע ליכט־סימנים, מוז מען דאָך איינשטעלן אַ פֿאַרבינדונג! האָבן די מיידלעך געפֿונען זיבן שמאַטעס, איינגעטונקען זיי אין קעראָסין, זיי צוגעלייגט צום פֿעלדז אונטער דעםביידל זייערן. די שמאַטעס זענען געלעגן איינע נישט ווייט פֿון דער אַנדערער, און ווען מ'האָט זיי אָנגעצונדן, האָבן זיי אויסגעזען ווי ליכט פֿון אַ חנוכה־מנורה. האָט דאָס ליכט פֿון די זיבן „ליכטלעך" אויפֿגעוועקט די פֿינצטערע נאַכט, און זיך דורכגעריסן דורך דעם דיקן נעפּל פֿון דער נאַכט...

האָבן די אונטערשטע נקודות דערזען אַז עפּעס איז מאָדנע אויף דעם ווייטן באַרג... די סיגנאַלן פֿון יעדער נאַכט זענען נישטאָ — הייסט דאָס דער דיזל־מאָטאָר איז טויט, און וואָס איז דער טייטש פֿון דער מאָדנער „מנורה" מיט די זיבן ליכטלעך? זאָל דאָס זיין אַ שפּאַס? ווער שפּאַסט אין אַ פֿינצטערער חנוכה־נאַכט וועלכע איז קאַלט און נאַס? און אויב דאָס איז יאָ אַ חנוכה־מנורה, איז וואָס גאָר זיבן ליכטלעך אַנשטאָט פֿינף — הייַנט איז דאָך די פֿינפֿטע נאַכט פֿון חנוכה?

האָט איין פּונקט געוועקט אַ צווייטן, און דער צווייטער האָט געוועקט מיט זיין סיגנאַליזאַציע אַ דריטן און דער דריטער האָט געפּרעגט אַ פערטן:

— וואָס זענען די זיבן ליכטלעך פון דער ברענענדיקער, אין דער שפּעטער נאַכט, מנורה? האָט מען זיך געבראָכן דעם קאָפּ און געזוכט ווערטער. און מ'האָט געפונען זיבן אותיות פאַר די זיבן ליכטלעך. און עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די זיבן ליכט באַדייטן „התנפּלות" — אַן אַטאַקע!

האָבן זיך געלאָזט חלוצים לויפן פון אַלע פּונקטן פון גליל העליון צו די „משוגענע" יינגלעך און מיידלעך פון מענאַרע. איז מען געלאָפן אויף פערד און אויף אייזלען און מיט „טענדערס" און מיט טראַקטאָרן און מ'איז געקומען אין צייט און אַרומגערינגלט אַ גרויסן המון פון עטלעכע הונדערט אַראַבער, וועלכע האָבן באַשלאָסן, אַז דער דיזל האָט זיך פאַרלאָשן צוליב זיי, און וועלכע זענען געווען גרייט אַרונטערשטופּן די חלוצים פון מענאַרע.

ווען די אַראַבער האָבן דערזען אַז זיי זענען אַרומגערינגלט, האָבן זיי אָנגעפאַנגען בעטן מחילה און וויינען, ווי עס איז זייער שטייגער, ווען זיי דערפילן זיך שוואַך, און האָבן פאַרזיכערט אַז זיי האָבן בלויז געוואָלט אויספּרובירן ווי שטאַרק עס זענען די יונגע שכנים זייערע.

האָט מען זיי געלאָזט גיין, אָבער די חלוצים פון אַנדערע פּונקטן זענען פאַרבליבן אַף אַ גלעזל טיי און אַ טענצל. און די „חברה" פון מענאַרע האָבן דאַן באַשלאָסן אַז זייער גרעסטער יום-טוב איז די נאַכט פון דעם פינפטן חנוכה-ליכטל. אין יענער נאַכט וועלן זיך אָנצינדן זיבן ליכטלעך פון זייער מנורה סיי אין די ביידלעך, סיי אין דרויסן, אויף דעם באַרג...

נו, איז וואס?

★

עפּעס אַ דיבוק איז אַריין אין לייבעלען, און אויף יעדער זאַך וואָס ער הערט, האָט ער בלויז איין ענטפער: „נו, איז וואָס?"

— „לייבעלע, וואָס קוקסטו נישט אַריין אין ביכל? — ווילסט אויסוואַקסן אַ גוי?" — בעט זיך ביי אים דער לערער און לייבעלע מיט זיין שמייכעלע: „נו, איז וואָס?"

— „לייבעלע! דאָס איז דאָך די געשיכטע פון חנוכה! די אמתע מעשה פון די מכביער! און דו האָלסט אין איין מאַכן דיינע „צאַצ-קעס" אַנשטאָט זיך צוצוהערן" — בעטן שוין די קינדער אַליין, און לייבעלע, גלייך ווי נישט אים מיינט מען: „נו, איז וואָס?"

— „לייבעלע! דער גאַנצער קלאַס גרייט זיך איצט צום חמשה עשר יום-טוב, זיי אַ גוט יינגל און העלף אונדז מיט", פּרובירט דער לערער איינצורעדן.

— „וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגל, חמשה עשר? קיינמאָל נישט געהערט פון אים! שטעלט לייבל אָן די אויגן, וואָס זענען אָנגע-גאָסן מיט געלעכטער.

— „דאָס איז נישט קיין פויגל, לייבעלע, דאָס איז אַ יום-טוב".

— „וואָס פאַר אַ נס איז שוין דאָ געשען? ווי לאַנג האָט דער אייל געברענט דאָ? אַ חודש?"

— „ניין, לייבעלע! דאָס איז אַ יום-טוב אָן אַ נס", בעטן זיך ביי אים די קינדער.

— „דאָ האָט גאָרנישט געטראָפן... פאַרשטייסט, לייבעלע... חמשה עשר בשבט איז דער פופצנטער טאָג אין חודש שבט, אין דעם טאָג הייבט זיך אָן פרילינג אין ארץ-ישראל.

— נו איז וואָס?

— „פאַרשטייסט, לייבעלע, דאָס איז אַ יום-טוב וואָס מען

דאַרף זיך פאָרשטעלן... בעטן די קינדער נאָך אַמאָל: „שטעל זיך פאַר אַז דו ביסט אַ בוים, און אַ גאַנצן ווינטער האָסטו אויסגעהאַלטן די שטורעמס און די רעגנס, וואָס האָבן געוואָלט ברעכן דיינע צווייגן און דיך אַרויסרייסן מיטן וואָרצל... און דו האָסט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן און איבערגעלעבט... און דאָס איז דיין ראש־השנה, דיין ניי־יאָר, און עס איז וואַרעם, אַ מחיה... און די זון שמייכלט צו דיר און באַגריסט דיך: „ביימעלע! ציטער נישט! אויס מורא! אויס שניי, אויס ווינטן און רעגנס, ס'איז דיין צייט, וואַקס און ציִ זיך צום בלויען הימל... „שטעל זיך פאַר, לייבעלע, אַז...

— „נו, אַז איך וועל זיך נישט פאָרשטעלן? איז אויס יום־טוב? אויס חמשה עשר? אויס ניי־יאָר פאַר דעם בוים? אויס פרילינג?"

— „אוי לייבעלע, וואָס וועט זיין דער סוף פון דיר? קוקט דער לערער מיט ביטערקייט און ער ווענדט זיך צום קלאַס: „נו, חברה, מיר הייבן זיך אָן גרייטן צום חמשה עשר יום־טוב! וואָס ווילסטו זיין, מאַטעלע? — אַ באָקסערבוים! — און דו הירשל? — אַ פּאַל־מענבוים. און דו פייגעלע? — אַ מאַנדלבוים מיט די ווייסע בלומען... מיין מאַמע מאַכט מיר פון ווייס פּאַפּיר אַ ווייס בלומענקלייד...

און אַלע גרייטן זיך צום יום־טוב, נאָר לייבל זיצט און מאַכט צאַצקעס... „אַזוינע נאַראָנים!" טראַכט זיך לייבעלע, „אָדער זיי גלויבן אין ניסים, וואָס נישט געשטויגן נישט געפלויגן, אָדער זיי שפּילן זיך אין „שטעל זיך פאַר" און „מאָל זיך אויס". גיי זיי אַ נאַר און שטעל זיך פאַר, אַז ערגעץ אין אַ לאַנד, וואָס הייסט ארץ־ישׂ־ראל בליט אַלץ, ווען דו זעסט פאַר דיינע אויגן נאַקעטע ביימער, וואָס ציטערן פון קעלט און דו ציטערסט מיט זיי... שטעלט זיך פאַר, וויפיל איר ווילט, נאַראָנים, נאָר לאָזט לייבעלען אָרוים...

אָבער... אַט קומט לייבעלע אַהיים... אין הויז איז קאַלט... זיינע עלטערן זענען נישטאָ... ביידע אַרבעטן. ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף זיין מאַמעס אַהיימקומען, ווייל זיין ברודערל, בערעלע, איז קראַנק און האַלט אין איין וויינען... בערעלעס וויינען מאַכט לייבע־

לען זייער אומעטיק און עס שרעקט אים אפילו, און ער בעט מיט א ציטער אין שטים: „בערעלע! אט באלד, קומט שוין די מאמע... אט באלד, גאר שנעל"...

נאר בערעלע הערט נישט אויף. ער איז, ווייסט אוים, זייער קראנק און לייבעלע קריכט פון דער הויט צו בארואיקן אים... ער פרובירט אלע שפילעכלעך פון הויז, נאר ס'העלפט נישט... אלער־ליי מעשיות פון די ביכלעך. „איך האב שוין געהערט, נודע מיך נישט!" שרייט בערעלע און וויינט ווייטער. מאמע, מאמע! ווען קומט שוין די מאמע?" — פאלט לייבעלע אויף א געדאנק. „בערע־לע! — זאגט ער — „שטעל זיך פאר, אז ס'איז נישט ווינטער... און אז ס'איז נישט קאלט אין דרויסן... און אין הויז איז ווארעם... און אז ס'איז גאר זומער...

— „נו איז וואס?" — קרימט אים נאך בערעלע און שטעלט אים ארויס א ווייסע קראנקע צונג.

— „כ'מיין אן שפאס, בערעלע, ווּהין וואלסטו געוואלט גיין מיט מיר, אין פראספעקט־פארק, צי צום ים, אין קאני איילאנד?"...

בערעלע הערט אויף צו וויינען און קוקט מיט זיינע קראנקע אויגן אין דער ווייטנס.

„ס'העלפט", טראכט זיך לייבעלע, — ער כאפט א קוק אויף דעם זייגער: „נאך לאנג ביז די מאמע וועט קומען", — בליצט ביי אים אויף אין קאפ און ער הייבט אן מיט א הויכער שטים:

— „דעם אמת געזעדט, בערעלע, האב איך שטארק ליב צו שווימען אין ים, אבער אז מען וויל האבן ריכטיקן פארגעניגן, דארף מען זיך טאקע א לאז טון אין פראספעקט־פארק...

— „וואס איז גאר פראספעקט־פארק? צענטראל־פארק איז נאך שענער", רופט זיך אן בערעלע מיט א קרעכצנדיקער שטים.

— „ס'העלפט", טראכט זיך לייבעלע, און ער פארט ווייטער. אוודאי, איז צענטראל־פארק שענער, ס'איז דא ווו ארומצוקלעטערן,

פעלדזן און בערג, און קריכן אויף דיביימער ווען קיינער זעט נישט און זיך אָראָפּקייקלען פון די גראָזיקע בערגלעך און נאָכיאָגן די קראָליקעס און אַנדערע באַשעפעניש ן...

בערעלע דערמאָנט זיך אין זיין ווייטיק און הייבט אָן צו קרעכצן.

— „שטעל זיך טאַקע פאָר, אַז מיר גייען ביידע אַרויס אויף אַ גאַנצן טאָג", פאַרכאַפּט לייבעלע, וווהין לאָזן מיר זיך גיין, בערל? אפשר גאָר אין בראָנקס-פּאַרק? דאָס איז אַזוי ווייט... פאַרשטייסט, בערל, ס'איז דאָך זומער... טאָ וואָס טוען מיר אָן? דו געדענקסט די העמדלעך פון פאַראַיאָרן... אָט באַלד געפין איך זיי, אָבער דער־וויל לאָמיר זיך פאַרשטעלן וואָס דאַרפן מיר מיטנעמען... די זעק־לעך?... אַוודאי...

— און די שטעקנס צום פיש כאַפּן, — רופט זיך אָן בערל.

— געדענקסט נישט, — ווערט בערעלע לעבעדיק און פאַר־געסט אין זיין ווייטיק, אָבער די פלעשער מיט וואַסער מוז מען מיטנעמען, ווייל דאָס וואַסער...

— אָט גיי איך זיי באַלד אויסזוכן, — שרייט לייבעלע מיט אַ פריילעך קול, — און קומען שוין אין פּאַרק, און זיי כאַפּן פיש, און אָט צעשניידן זיי דעם וווּנדער-פיש, וואָס זיי כאַפּן און געפינען דאָרט אַ דימענט, און אָט אַנטלויפן זיי אַהיים פאַרסאַפּעטע...

— מאַמע! מאַמע! אַן אוצר...

און אָט איז טאַקע די מאַמע... אַך ווי גוט! אוים שרעק פאַר בערעלעס הויינען! אַך ווי גוט וואָס אים איז איינגעפאַלן צו שפּילן זיך אין „שטעל זיך פאָר", ס'איז גאָרנישט אַזוי נאַריש... טראַכט זיך בערעלע.

אויף מאָרגן, ווען ער איז געקומען אין שול, האָט ער אָנגע־צייכנט עטלעכע ארץ-ישראל-ביימער מיט אַ שטאַרקער זון און אונטערגעשריבן: „פרילינג — ווי איך שטעל זיך פאָר"...

אויסגאבן פון דער
צווישא אין ארגענטינע

ביז איצט דערשינען:

חיים פינקעלשטיין: אנאליטישע לערן־פראגראם (פאר א זעקס־קלא־
סיקער צונאב־שול) 1943

100 לידער מיט מוזיק (פאר שול און היים), 1947

שול־בלעטער (אויסגאבע פון דער צווישא פאר שול־פראגן), 7 נומערן

צווישא־ידיעות (אינפארמאטיווער בולעטין פון דער צווישא און
שלום עליכם־שולן), 6 נומערן.

שול ־ ביבליאטעק:

אין געטא — — — — — — — — — — העפט 1
" " — — — — — — — — — — " 2
יידן אין ארגענטינע — — — — — — " 1
ארץ ישראל — — — — — — — — — " 1
" " — — — — — — — — — — " 2
י. ל. פרץ — — — — — — — — — " 1
" " — — — — — — — — — — " 2
אין געטא — — — — — — — — (צווייטע אויפלאגע)
ארץ ישראל — — — — — — — " "
יידן אין ארגענטינע — — — — " "

מאי זרבבל: קליינע העלדן (אקטועלע מעשהלעך פון ישראל)
דאס וואונדערלעכע פייפל (מעשהלעך וועגן ליבע און חברשאפט)
אין ערגעץ־לאנד (מעשהלעך וועגן ארבעט און שאפן)
קעהאס קליגער: ברויט מיט חלום (לידער פאר קינדער)
נייע הגדה של פסח
זינא ראבינאוויטש: אורי פון רמת הכובש (מעשהלעך פון ישראל)
" " זעקס מעשהלעך (וועגן אונדזערע ימים טובים)

אינגיכן דערשיינט:

ווערטער־ביכל צום „שער הלשון" —
צונויפגעשטעלט פון מ. אלפערט
מעשיות פאר קינדער (אין העברעיש) — 2 העפטן
יידישע לעגענדעס — — — — — — — 2 העפטן

אלע אויסגאבעס קאן מען באקומען אין אדמיניסטראציע פון דער
שלום עליכם־שול, סעראנא 341 און אין אלע יידישע
בוכהאנדלונגען.

BIBLIOTECA ESCOLAR

ZINA RABINOVITZ

Seis Cuentos

(De nuestras festividades)

Escuelas Laicas Israelitas "ZWISCHO"

ESCUELAS SCHOLEM ALEIJEM